בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**נח**
**פרשת אמור תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


החזו"א: "ס'איז א גוטער ספר"...

'זכין לאדם שלא בפניו'...

"דערמאנט נישט מיין נאמען"...

אל תמנע טוב מבעליו!

'מרים' בת רביז"ל

מנו"כ ר' יצחק בן מוהרנ"ת

השמחה של ארץ ישראל

טוב ללון במדבריות של ארץ ישראל

ר' שלמה וועקסלער ז"ל

"דער פרומער בחור"

"לא איסתכל בצורתא דזוזא"...

די 'מצוה' וועט מגין זיין...

'מעין' דאזלי תחות ארעא

כל הארצות מתמצית ארץ ישראל הם שותים

'ללחלח הנגיבה'

קול המוכיח הראוי

אל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו

כשם שמצוה לומר דבר הנשמע...



להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 58**

©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**



כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# פרשת לך לך, שנת תשל"ה

(טייפ מס' 56#)

## החזו"א: "ס'איז א גוטער ספר"...

(חסרה ההתחלה, באמצע שיחה אודות התקרבות ר' נחום יצחק פראנק ז"ל מחשובי אנ"ש בירושלים)
זיין טאטע האט געזאגט 'ליקוטי תפילות' אין די צייט פון סליחות! ער האט געזאגט: "איך פיל אין די תפילות מער חיות ווי סליחות!", (השואל: נחום יצחק'ס טאטע?) יא!

און ער האט נישט געוואוסט ווער ס'האט געמאכט די תפילות! (השואל: ער איז געווען א מתנגד?) ניין! אזוי, א ליטווישער איד!

אז 'נחום יצחק' איז געווארן א מקורב, האט אים נישט גע'ארט וואס ער איז געווארן מקורב, אבי ער זאל לערנען!

ער האט געזעהן אז ער לערנט אבער לקוטי מוהר"ן, "אז מען קען לערנען, דארף מען לערנען גמרא מיט תוספות! פארוואס לקוטי מוהר"ן?", ביי זיי ליטוואקעס איז דאך נישט שייך -

דעמאלט איז ער נאך געווען גוט מיטן 'טשעבינער רב', ער איז דאך א למדן, און ער איז געווען א גרויסער למדן - דער טשעבינער רב, זאגט ער אים: "גיי צום טשעבינער רב, צו ער זאגט אז מען זאל לערנען לקוטי מוהר"ן!".

איז דארטן געלעגן דער לקוטי מוהר"ן אויפן טישביים טשעבינער רב! "צו דו זאלסט לערנען?! ס'ליגט דאך ביי מיר אויך דער לקוטי מוהר"ן אויפן טיש!", שוין.

נאכדעם זאגט ער: "ניין, דער טשעבינער רב איז א 'חסיד' - גיי צום 'חזון איש'!".

איז ער אוועקגעפארן קיין בני ברק צום 'חזון איש' ער זאל אים פרעגן, און ער פרעגט: "דער טאטע האט מיר געשיקט צו אייך פרעגן, צו איך מעג לערנען לקוטי מוהר"ן!".

זאגט ער אים: **"לערן אים! ס'איז א גוטער ספר!"**, לערן אים, ס'איז א גוטער ספר!

זאגט ער אים: "דער טאטע וועט דאך נישט וועלן גלויבן", זאגט ער (החזון איש): **"וועט ער נישט גלויבן, אבער דו מעגסט דאך לערנען!"**.

זאגט ער אים ער זאל געבן עפעס א כתב, "קיין כתב גיב איך נישט!", ער פלעגט נישט געבן קיין כתבים, "וועט ער נישט גלויבן, אבער דו מעגסט דאך לערנען!".

❖

# 'זכין לאדם שלא בפניו'...

(רלוי"צ פונה לאברך אחד בנש"ק שנתקרב ועלה מחו"ל לארה"ק, ונאלץ מפאת סיבות משפחתיות להיות הדורש לפני הציבור בבית מדרשם, ובתנאי שלא יזכיר מענין רביז"ל, ובא לשאול את רלוי"צ איך יתנהג בזה, ובתוך השיחים נכנס רלוי"צ לסיפור הנ"ל, ואמר לו), דא איז אויך אזוי, דו מעגסט רעדן פונעם רבי'ן וואס דו קענסט מזכה זיין די וועלט - 'זכין לאדם שלא בפניו' - און נישט דערמאנען דעם רבי'נס נאמען!

טאמער דארף מען אמאל זאגן (המקור, יאמר:) "פון חסידישע ספרים!".

(ר' לוי יצחק שואל:) דו רעדסט ביי 'שלש סעודות' דארטן? (הנ"ל עונה: אפאר מינוט!) אפאר מינוט? איידער דו הויבסט אן, הערסטו שוין אויף?!... (אחד הנוכחים: ס'איז דאך בעלי בתים, מען דארף זיך רעכענען מיט זיי).

יעדע וואך פונעם זוהר איז דא סיפורים, גיב א קוק איבער דעם זוהר, נעם א שיינעם סיפור, 'רבי אבא' מיט דאס, ס'איז דא אסאך סיפורים אין די היינטיגע וואך, און נאכדעם מאכט מען אזוי א 'סיפור', א 'ווארט', א 'אויסטייטש', קען מען אפרעדן צעהן פופצן מינוט, און ס'איז 'שיינע דיבורים', ס'וועט געפעלן! ס'גוט און פיין און שוין.

דערמאַן איך נישט דעם רבי'נס נאמען! - אז דער רבי האט אזוי געוואלט![א]

ער פלעגט זאגן - ר' ישראל טירהאוויצער[ב] - אויף די משנה, "האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם"[ג], האט ער אזוי געזאגט: **"אויב אז איך וועל זאגן 'בשם אומרו' וועט זיין א 'מביא גאולה לעולם', דעמאלט דארף איך זאגן 'בשם אומרו', אבער אז איך וועל 'נישט זאגן בשם אומרו' וועט זיין א 'מביא גאולה לעולם', דעמאלט דארף איך נישט זאגן** (בשם אומרו)**!"**.

די כוונה איז דאך נאר ס'זאל זיין 'מביא גאולה לעולם', איז אז איך ווייס אז איך וועל זאגן 'בשם אומרו', דעמאלט וועט זיין 'מביא גאולה', דארף איך זאגן, אז נישט - זאג איך נישט, און דאס וועט זיין 'מביא גאולה לעולם'!...

❖

## "דערמאנט נישט מיין נאמען"...

דו מעגסט רעדן פונעם רבי'ן אסאך! און דאס וואס מען האט אויסגענומען א 'תנאי', דער תנאי איז 'בטל', ס'איז קיין תנאי נישט! נישט זיי האבן געמעגט אויסנעמען, נישט דו האסט געמעגט מסכים זיין צום תנאי, ס'איז גארנישט!

נאר וואס דען? דערמאנען דעם רבי'נס נאמען? דער רבי האט דאס גארנישט געוואלט!

דער רבי האט געוואלט מזכה זיין די וועלט מיט גוטע זאכן, האט ער גארנישט געקוקט אויף זיין נאמען, **"דערמאנט נישט מיין נאמען!"**

[א] עי' שיש"ק [הנדמ"ח] אות קע"א: **"איך וואלט געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, און נישט דערמאנען אין מיין נאמען, וואס ארט מיר אז יענער זאל בענטשן אן ערנסט בענטשן און ס'זאל זיין פון מיין כח, און ער זאל נישט וויסן אז ס'איז פון מיין כח?!"**. עי' ספר המדות - ערך תשובה אות פ"ו: **מִצְוָה לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי-אָדָם עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, וְאִם אַתָּה יָרֵא, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע לְךָ תֹּאמַר דְּבָרֶיךָ בְּשֵׁם צַדִּיק אַחֵר, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמְעוּ אוֹתְךָ.**

[ב] מחשובי אנ"ש באומאן, קיבל מר' נפתלי תלמיד רביז"ל, נפטר בערך שנת תרפ"ג (גדה"נ).

[ג] אבות פ"ו ו'.

אין די הקדמה פון 'תיקון הכללי' ברענגט ער דארטן, איינער האט אפגעדרוקט די צען קאפיטלעך תהלים - נישט אויפן רבי'נס נאמען! שרייבט ר' נתן: קען זיין אז ער האט געוואלט מזכה זיין די וועלט, האט ער נישט געוואלט[ד] (להזכיר שם רביז"ל עליו, מפני המחלוקת)!

ברענגט ער אויך רבי נתן דארט דעם רעיון, "ער האט נישט געוואלט דערמאנען דעם נאמען, ווייל ער האט געוואלט מזכה זיין די וועלט, ער האט מורא געהאט פאר התנגדות", ברענגט ער אויך דעם אייגענעם רעיון!

❖

דאס איז נישט קיין נייעס ביי אונז! דאס איז נייעס ביי אונז?! מיר פלעגן אריינשיינען אין די וועלט אריין דיבורים, און נישט דערמאנט דעם רבי'נס נאמען!

מען האט אפילו גארנישט געוואוסט אז איך בין א "ברסלב'ער חסיד" - דאס האב איך אויך מעלים געווען אז איך בין געקומען און שטעט אריין!

(השואל: דער סארט גאנג, דאס האט געמאכט פירות?) הער זיך איין, איך דארף נישט קוקן פון שפעטער! איך פלעג דארט זיין, מ'איז געזעצן, מענטשן האבן געבעטן 'רעד עפעס', כ'האב גערעדט! אוי, מען האט הנאה געהאט אזוי! (והם שאלו:) "פון וואו איז דאס?", (עניתי להם:) "עס שטייט! עס שטייט אין ספרים!", פיין, גוט.

ביים רבי'ן איז שוין דא וואס צו רעדן! לקוטי הלכות, א שמועס, ס'איז דא וואס צו רעדן גוטע זאכן! נאר וואס דען, איך דערמאן נישט דעם רבי'נס נאמען! (אחד הנוכחים: ביי ר' פנחס קיבליטשער איז דאך געווען אזוי!)[ה]

❖

און דו אליין דארפסט זיין ביי זיך זייער שטארק אינעם רבי'נס זאך! דו אליין - ביי זיך אליין, ממילא וועסטו שוין זעהן - דרייען זיך אויף אלע וועגן און זיך האלטן!

---

[ד] והוא גם בשיחות הר"ן אות קמ"א, וז"ל: "...וְאֶפְשָׁר שֶׁהָרַב הַנַּ"ל וְכַיּוֹצֵא מִגֹּדֶל תְּשׁוּקָתָם לְזַכּוֹת בָּהֶם אֶת הָרַבִּים בְּתִקּוּן גָּדוֹל כָּזֶה, וְיָדְעוּ שֶׁיֵּשׁ שֶׁנִּמְצָאִים מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עַל רַבֵּנוּ ז"ל, עַל־כֵּן קִיְּמוּ בְּנַפְשָׁם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ ז"ל (יְבָמוֹת סה:): שֶׁמֻּתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם. וּבִפְרָט בְּדָבָר גָּדוֹל וְתִקּוּן כָּזֶה"...

[ה] עי' הסיפור בארוכה בקונטרס טעם זקנים כ"ו, פרשת יתרו תשל"ד.

דו אליין ביסט עפעס אזוי 'מסופק', און וואס ביסטו 'מסופק'?! אויפן רבי'נס זאך ביסטו 'מסופק'?!

אין די צייטן פון די מחלוקת איז געווען ממש געווען, א חסיד און א שטעטעלע ווייסט מען ער איז א ברסלב'ער, איז דאך נישט שייך ער זאל זיך מעלים זיין, אבער אזוי איז געווען, מען האט נישט געזאגט אז מען איז א "ברסלב'ער חסיד"!

מען האט גערעדט, מקרב געווען, מען האט גערעדט און לערנען, א שמועס פיין גוט, מען האט געקענט מזכה זיין די וועלט מיט דיבורים! און דאס האט דער רבי געוואלט!

דאס הייסט א 'צדיק אמת', ער מיינט נישט 'כבודו', ער מיינט נישט 'זיין כבוד' - מען זאל דערמאנען זיין נאמען, ער מיינט נאר כבוד השם!

(השואל: ס'איז נישטא א ענין צו ווערן גערופן אויפן רבי'נס נאמען?) הער זיך איין, אזוי - ביסטו דאך א ברסלב'ער חסיד, אפילו ביי דיין משפחה ווייסן אלע אז דו ביסט א ברסלב'ער חסיד, נאר וואס דען? זיי ווילן דאך אז דו זאלסט זיין דער משפיע אין זיידן'ס שטוב, ביסטו דארט א משפיע מיטן רבי'נס דיבורים! שוין, איי זיי זאגן ניין?! -

פארקערט, דו קענסט דאך אסאך רעדן דיבורים פונעם רבי'ן ביים זיידן אין שטוב, און וויבאלד אז מען לאזט דיך שוין רעדן, איז שוין גוט אז מען לאזט דיך רעדן, נאר דו דארפסט זיך טאקע צוגרייטן! (רלו"י שואל:) ווען דארפסטו רעדן, איין מאל א וואך? זאלסטו זיך צוגרייטן אזוי פיינע דיבורים, מיט א סיפור, מיט א זוהר, גרייט צו! "אה, מען רעדט א שטיקל זוהר! אה, זוהר, זוהר, פיין!".

איך כמעט אייביג ווען איך רעד האב איך ליב צו דערמאנען דעם זוהר, כאטש איינמאל, אפילו ביי אונזערע לייט איז אויך דער זוהר זייער חשוב, ביי די וועלט נאך מער! "מען דערמאנט דעם זוהר!".

❖

# אל תמנע טוב מבעליו!

נו, דעם היינטיגן זוהר! דארטן סוף זוהר,[1] 'כפר טרשא', ס'איז א דארף אין ארץ ישראל, די חברה זאגן אז זיי ווייסן וואו דאס איז, 'כפר טרשא' אזוי שטייט אין זוהר.

עס איז געקומען אהין ר' אבא מיט א זוהן, ער האט געהייסן ר' יעקב, זענען זיי געקומען אין א שטוב אריין אין כפר טרשא, האט ר' אבא א זאג געגעבן צום בעל הבית צו ס'איז דא דא א תרנגול? (שאל הבעה"ב:) "פארוואס דארפסטו א תרנגול? (ענה ר' אבא:) "ס'זאל מיר אויפוועקן חצות!".

זאגט ער אים: "איר דארפט נישט, מיין זיידע - זאגט ער - איז אלע נעכט אויפגעשטאנען חצות, האט ער געהאט אזא מין 'כלי', די כלי איז געווען פול מיט וואסער, ס'איז דא א ראד, און די וואסער האט געקלאפט, אז די וואסער האט זיך געענדיגט, האט אנגעהויבן די ראד צו קלאפן, און ער האט אראפגעשטעלט די וואסער אז ס'זאל זיין אזוי פיל וואסער ס'זאל זיך פונקט ענדיגן חצות, און ממילא אז ס'קומט חצות פלעגט ער הערן די ראד קלאפן!".

ר' אבא - ער איז געקומען אין א שטוב דארטן - (האט ער געמאכט) א ענין פון חצות! ר' אבא איז דאך געווען ר' שמעון'ס א תלמיד!

אזוי איז געווען, ס'איז געקומען חצות, די וואסער האט זיך געענדיגט, האט אנגעהויבן קלאפן דער ראד, האבן זיי זיך אויפגעהויבן, ר' אבא מיט דעם זוהן ר' יעקב'ן!

האבן זיי שוין געזעהן דארטן, אין א ווינקל איז געזעצן דארטן דער בעל הבית מיט נאך איינעם, גערעדט שוין 'השגות אלקות' מיט 'קשיות', אה!

ר' אבא האט געזעהן זיי רעדן גאר הויכע זאכן, געוואלדיגע זאכן, ר' אבא איז שוין צוגעשטאנען לעבן זיי, און שוין גערעדט מיט זיי, א גאנצע נאכט פארבראכט מיט זיי.

נו, אינדערפרי האט ר' אבא געוואלט אוועקפארן, זאגן זיי אים: "מיר בעטן אייך, ס'דארף זיין א ברית צומארגנס דא ביי דעם בעל הבית, די אלע גדולים, די גדולים

---

[1] פרשת לך לך דף צ"ב ע"ב.

בתורה וועלן אלע קומען אויפן ברית, און די רבנית בעט איך איר זאלט אויך זיין אויפן ברית! איר דארפט נאך א טאג זיין!".

נו, ר' אבא - א מצוה, איז ער געבליבן אויפן ברית מיט'ן זוהן ר' יעקב.

ס'איז געקומען ביינאכט, האט דער בעל הבית צונויף גענומען אלע פונעם דארף, א 'וואך נאכט' - אלע קומען, און א גאנצע נאכט זענען זיי געווען, און יעדער איינער האט גערעדט געוואלדיגע השגות אלקות, דער גאנצער דארף איז פול מיט צדיקים, גדולים בתורה, גדולים ביראה, אלע רעדן השגות אלקות, א געוואלד, מען האט דאס גארנישט געזעהן אז א דארף זאל אזוי זיין!

נו, ס'איז די נאכט פאר'ן ברית, האט זיך איינער אנגערופן דארטן, "מארגן וועט ארומנעמען א פייער די שטוב", האט ער זיך דעשראקן (רבי אבא) "וואס זאגט ער?", וכך הוה, ס'האט ארומגענומען א פייער, א פייער! די שכינה הקדושה! א גאנצן טאג איז דער פייער געווען דארטן.

הכלל, וואס דארטן האט זיך אפגעטון אויף דעם ברית, א געוואלד!

זאגט דארט ר' אבא (חידושי תורה), און די תורה האט זיי אזוי געשיינט - גלייך 'כאילו נתנו מסיני', פאר יעדן איינעם פון זיי האט די תורה אזוי געשיינט גלייך אזוי ווי מען האט עס איצטער געגעבן אויפן בארג סיני! אזעלכע גדולים זענען זיי געווען.

הכלל, זיי זענען געווען אויפן ברית און אלעס, ס'איז געווען פיין, אזוי גוט, איז שוין ר' אבא דארטן געווען צוויי נעכט מיט צוויי טעג, נאכדעם האבן זיי אים באגלייט דארטן 'דריי מילין', שוין.

נאכדעם איז ער געקומען צו ר' שמעון'ען, אז ער איז געקומען צו ר' שמעון'ען האט ער עפעס מורא געהאט צו דערציילן ר' שמעון'ען, האט ער עס דערציילט ר' אלעזר'ן.[ז]

אמאל האט ר' שמעון עפעס גערעדט מיט אים, האט ער עס דערציילט ר' שמעון'ען, נאר פריער האט ער געזאגט צו ר' שמעון'ען: "ער וויל נישט דערציילן ווייל

---

[ז] שם דף צ"ו ע"ב.

ער האט מורא!", האט אים ר' שמעון געזאגט - (חס ושלום, משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה'!), האט ער אים דערציילט.

זאגט אים ר' שמעון: "אזעלעכס האסטו געהאלטן אין זיך עטליכע טעג און דו האסט נישט מקיים געווען 'אל תמנע טוב מבעליו'?! דו האסטו עטליכע טעג געהאט אזעלכע השגות אלקות און דו האסט מיר נישט דערציילט?!".

האט ר' שמעון אים געגעבן אן 'עונש' אז "א חודש צייט זאלסטו לערנען און דו זאלסט פארגעסן", 'תלעי ותנשי' - דו זאלסט זיך מאטערן און פארגעסן, ווייל דו האסט עובר געווען אויף 'אל תמנע טוב מבעליו', דו האסט געהאט אין זיך אזא מין גוטס, און דו האסט עס נישט ארויסגעגעבן!

און אויף דעם גאנצן דארף האט ר' שמעון גוזר געווען, "אלע זאלן ווערן פארטריבן קיין בבל".

נאכדעם האט ר' שמעון געזעהן אז ר' אבא איז זייער צוטראגן, זאגט ער אים "דיין פנים איז - (טופסרא דלבך באנפך שכיח - ניכר בפניך שיש בלבך איזו דאגה)!", זאגט ער אים (ר' אבא לר' שמעון:) "נישט וועגן זיך, נאר פארוואס דער דארף דארפן אלע ווערן פארטריבן? אזעלכע גדולים!?".

זאגט ער (ר' שמעון): "ס'איז פאר זייער טובה וועגן! אז זיי וועלן דארטן זיין - ("ילפון אינון ארחין ואתכסיין מלין בגווייהו", וכו' עיי"ש), דאס האט ר' שמעון געזאגט! שוין.

❖

דו ועסט זיי דערציילן אזא מעשה פונעם זוהר, די מעשה געדויערט דאך אויך עטליכע מינוט, און נאכדעם רעדט מען מיט זיי א 'ווארט', פיין, "ער רעדט שוין פון זוהר, אה!", שוין, ס'איז שוין פיין און גוט!

די אלע זוהר'ס וואס שטייט דארטן אין דעם עמדין'ער (סידור היעב"ץ), ער ברענגט דארטן פאר א 'וואך נאכט' אלע שטיקלעך זוהר, דאס איז אלעס פון די היינטיגע וואך 'לך לך', פון 'כפר טרשא' - אלעס פון דעם ברית וואס ר' אבא איז דארטן געווען.

פארקערט, ביי 'דיר' איז דאס א סיבה דו זאלסט קענען פארשפרייטן דעם רבי'נס דיבורים - אז מען וויל הערן פון דיר!

(לו יצוייר) אז דו וועסט זיין אזוי פיל אפגעפרעגט, אז זיי ווילן פון דיר גארנישט הערן, "אז דו ביסט א ברסלב'ער טאר מען שוין פון דיר גארנישט הערן" - (אז הלא אין ברירה). אבער מען וויל 'יא' פון דיר הערן, נאר "נישט דערמאנען דעם רבי'ן" (- כך הם רוצים), וועסטו נישט דערמאנען!

דו קענסט רעדן פון רבי'ן און נישט דערמאנען דעם רבי'ן! נאך דעם שבת וועסטו אויך האבן א זוהר 'וירא' - איז אויך דא גוטע זוהר'ס, 'וירא', מיט'ן ברית, יצחק'ן, אויך שיינע מעשיות.

אויך לערנען א שטיקל 'זוהר', און אביסל 'לקוטי מוהר"ן', און א 'מדרש', וואס דו וועסט רעדן וועסטו ארייגעבן - די 'בשמים' זאל זיין פונעם רבי'נס זאך! שמעקעדיג, א בשמים! (להלן המשך השיחה בענין זה).

❖

[(מאחל ברכת מזל טוב להרה"ח ר' משה בינענשטאק שליט"א לרגל הולדת בתו:) מזל טוב, דו זאלסט האבן אסאך נחת פון אלע קינדער, פון דער טאכטער אויך!

ביים 'כתב סופר' איז געבוירן געווארן א טאכטער, האט דער 'כתב סופר' געזאגט: "**אן אנדערער גרייט מיר שוין צו א תלמיד חכם!**", איך ווייס נישט ווער - אבער אן אנדערער גרייט מיר צו א תלמיד חכם, מען גרייט שוין צו!

ווי הייסט די טאכטער, האסט שוין א נאמען געגעבן? (רמ"ב: 'מרים') מרים! 'מרים הנביאה', (רמ"ב: נאך דעם רבי'נס טאכטער)].

❖

# 'מרים' בת רביז"ל

(רמ"ב: 'מרים' - בת רביז"ל - האט געהאט איין קינד) יא, זי האט געהאט א זון 'פנחס'.[ח] (מבעלה השני ר' מיכל אחיו של ר' פנחס). (רמ"ב: טאקע א פלא זי האט 'מייבם' געווען?!)[ט] איך ווייס נישט וואס דארטן איז געווען.[י]

ווען דער רבי איז געוועזן אין ארץ ישראל, האט דער רבי זיך משדך געווען מיט מרים'ן מיט אן אנדערן,[יא] מיט א זון פון רבי מענדל וויטעבסקער, ער האט זיך משדך געווען מיט א זון זיינעם (- ר' משה).

דער רבי האט נישט אזוי געוואלט דעם שידוך, נאר וואס דען, "נו, מסתמא איז דער רצון פונעם אויבערשטן אז מיין טאכטער זאל זיין אין ארץ ישראל"! - אזוי האט דער רבי געזאגט, האבן זיי נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט.

נאכדעם איז דער חתן נפטר געווארן, אבער דעם רבי'נס טאכטער איז געווען אין ארץ ישראל! דער רבי האט געזאגט די ווערטער אז "מיין טאכטער זאל זיין אין ארץ ישראל", דער רבי האט דאך נישט געזאגט אז מיט 'דעם' חתן, ער איז טאקע נפטר געווארן דער חתן, אבער די טאכטער איז געקומען קיין ארץ ישראל!

(השואל: ער האט געהאט קינדער? - פנחס בנה של מרים?) ניין. (השואל: ער האט חתונה געהאט?) איך ווייס נישט, ווייזן ווייזט אויס אז ער האט נישט מאריך ימים געווען.

אין די מערה ליגט די טאכטער מיט דעם קינד, זי האט געהאט איין קינד ר' פנחס, ליגט ער אויך אין די מערה אין צפת. (השואל: וואספארא מערה איז דארטן?) ס'איז דא א מערה פונעם 'וואלטשיסקער רב'.[יב]

---

[ח] עי' ימי מוהרנ"ת ח"ב אות קמ"ב. (עי' בספר 'יוסף את אחיו' לרבי יוסף בן רבי חיים פלאג'י, מערכת ב' אות ט"ז דף כ"א, שאע"פ שא"צ לקרות את הבן הנולד מהיבמה בשם המת, כמפורש בגמ' יבמות ובשו"ע אבהע"ז סי' קס"ו ה', אעפ"כ יש נוהגים בכל זאת לקרותו על שם המת, כי הוא קצת נחמה לקרובים, עיין שם. - העתק משיש"ק הנדמ"ח ח"א אות תס"ז).

[ט] עי' חיי מוהר"ן אות ט"ז.

[י] עי' שו"ע אבן העזר סי' קס"ה סעיף א' ובנו"כ ובפת"ש שם. (ועי' גם שיש"ק [הנדמ"ח] ח"א אות תס"ז).

[יא] עי' שבחי הר"ן - נסיעתו לא"י, אות ל"ב.

[יב] עי' ימי מוהרנ"ת ח"ב אות קמ"ב. יש לציין כי במערה זו נטמנו אחר כך גם הרה"ק בעל ערבי נחל, הרה"ק רבי בנימין זאב מבאלטא, והרה"ק בעל 'בת עין'.

דער 'וואלטשיסקער רב', ר' לייביש, ער איז געווען א תלמיד ביים מעזריטשער מגיד, ער איז געווען א געוואלדיגער גאון, א שר התורה, ליגט ער אין צפת, איז דא א מערה דארטן, ליגט דעם רבי'נס איידעם, און דעם רבי'נס טאכטער, און דאס קינד, ליגן זיי אלע לעבן. [דו וועסט קומען קיין צפת, ווייסן זיי שוין אלע וואו דער מערה איז].

❖

## מנו"כ ר' יצחק בן מוהרנ"ת

(השואל: וואו ליגט ר' יצחק בן מוהרנ"ת?) מען ווייסט נישט וואו, מען ווייסט אז לעבן דעם 'בית יוסף', דעם קבר ווייסט מען נישט.[ג]

**ער האט דארטן זייער 'קונה שם' געווען דארט אין צפת!**

(רמ"ב: וואס איז געווען די מעשה וואס מען האט אים דארט געלייגט? איך האב געהערט, ס'איז געווען א מעשה מיט א 'רעגן'?!)

יא, ס'איז געווען דאס, יא, מען האט נישט געקענט גראבן קיין קבר ווייל ס'איז געווען גרויסע רעגנס, און דא איז געווען א ליידיגער קבר, נאר א צוגעדעקטער, די חברה קדישא האבן גענומען קוקן האבן זיי געזעהן דארט א קבר, נאר א ליידיגער - א צוגעדעקטער, האבן זיי מורא געהאט לייגן לעבן בית יוסף, ביז מען איז געוואויר געווארן אז זיין טאטע האט געמאכט א חיבור אויף אלע ארבעה שלחן ערוך'ס, איז האט ער א שייכות מיט'ן 'בית יוסף', האבן זיי אים געלייגט לעבן 'בית יוסף'! - אזוי האב איך געהערט אין 'אומאן'.

פורים איז ער נפטר געווארן, נישט דער פורים פון ירושלים – דער פורים פון 'בני ברק' (דפרזים), י"ד'.

דער 'טשעהרינער רב' איז נפטר געווארן 'י"ג', 'אסתר תענית', "ר' הירש לייב - דער רב" איז נפטר געווארן 'י"ב', און ר' יצחק (הנ"ל) 'י"ד'.

---

[ג] עי' הקדמת עלים לתרופה (להרב מטשעהרין זצ"ל). מקום המדוייק של חלקת קברו - על יד הבית יוסף ז"ל - לא היתה ידועה עד לשלהי שנות התש"ל, שאז נמצאה חלקת הקבר עם המצבה, ע"י השתדלות אנשי שלומינו.

(השואל: וואספארא יאר איז ער נפטר געווארן ר' יצחק?) **ווערליג די מכתבים - איז ער געקומען אין ארץ ישראל 'תרכ"ח',[יד] און אינמיטן 'תר"ל' הערט זיך שוין אויף די מכתבים,** (המכתב האחרון הוא מיום ה' נח תר"ל)**, איז ער מסתמא נפטר געווארן למ"ד, תר"ל - פורים, אזוי ווייזט אוים דער חשבון.**

**איז ער געוועזן דא 'אנדערהאלבן יאר' סך הכל,** (בערך, מפרשת מטות מסעי תרכ"ח, עד פורים תר"ל) **ער איז געקומען, אן אנדערהאלב יאר און נפטר געווארן.**

❖ ❖ ❖

# השמחה של ארץ ישראל

(פונה שוב לאברך המקורב הנ"ל כדי לחזקו בענין עלייתו לארה"ק)**, דו דארפסט זיין 'פריילעך' ווייל דו ביסט אין 'ארץ ישראל'!**

**און מיט דעם קענסטו האבן עפעס א סארט - א 'שובע שמחות את פניך' - עפעס א פרייליכן פנים! נו, דו דארפסט זיין אזוי פריילעך אז דו זאלסט פריילעך מאכן די שטוב אויך!**

**דער שווער עליו השלום** (ר' אהרן קיבליטשער) **- ['פארמעגליך' מעגסטו זיין אזוי ווי דער שווער** ('ברוחניות')**, נאר אין 'גשמיות' זאלסטו זיין רייכער ווי דער שווער, דו זאלסט זיין רייכער פון אים], ער איז געוועזן א גרויסער ארימאן...**

**און אז ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין, האט ער געמאכט די שטוב 'פריילין', כאטש ער האט זיי גארנישט געגעבן - אן ארימאן! נאר ער האט געמאכט די שטוב פריילין, די גאנצע שטוב איז געווארן שמחה'דיג ווען ער איז אריינגעקומען! א 'טאנץ' און א 'שפרונג' און א 'געלעכטער',[טו] ער איז געוועזן א פרייליכער איד!**

**האט ער משמח געוועזן די שטוב, אלע קינדער משמח געוועזן!**

---

[יד] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהר"י, מכתב ד'.

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' מ"ח בסופו: **וְהָעִקָּר לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וִישַׂמַּח עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, וַאֲפִלּוּ עַל־יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא, לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה וְלַעֲשׂוֹת עִנְיְנֵי שְׁטוּת וּצְחוֹק אוֹ קְפִיצוֹת וְרִקּוּדִים, כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה, שֶׁהוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד.**

נו, וועסט אריינקומען מיט א שמחה, מען וועט זעהן אז דו ביסט צופרידן וואס דו ביסט אין ארץ ישראל, 'דו ביסט צופרידן'! איי דער אנהויב (איז שווער)?! 'ארץ ישראל' איז דאך (נקנית ביסורין), ביז מען קומט, ביז מען שטעלט זיך איין, איז אביסעלע אזוי - 'יסורי ארץ ישראל' אביסל, דארף דאך אביסל זיין, אבער דער אויבערשטער העלפט, דער אויבערשטער העלפט!

אבער די 'שמחה' פון 'ארץ ישראל' דארף זיין ביי דיר אזוי גרויס, אז זי זאל פילן אז דו ביסט אזוי פיל צופרידן פון ארץ ישראל, אז דו ביסט אזוי פיל פרייליך, און די שטוב ווערט פרייליך פון ארץ ישראל, וועט דאס אסאך מאכן א רושם, 'ארץ ישראל'!

❖

# טוב ללון במדבריות של ארץ ישראל

(אחד הנוכחים: אין א בריוו אין 'פרי הארץ' שרייבט ער צו איינעם: "דו זאלסט וויסן, אז דו ווילסט קומען קיין ארץ ישראל, זאלסטו זיין גרייט א שטיק צייט אנווערן אלע מדריגות! אויף דעם אופן זאלסטו קומען!").[טז] מען דארף האבן א 'עיבור' און 'ימי יניקה'! - ברענגט ער דארטן,[יז] אין 'גידול', אין אלעס, אין 'חינוך', א נייע וועלט, א נייע זאך.

---

[טז] במכתבים שבסוף ספר פרי הארץ - מכתב ל"ו (מהרה"ק ר' אברהם קאליסקער זצ"ל) וז"ל: זאת אשיב אל לבי להשיב מפני הכבוד לכל שואל ומבקש לשכון כבוד בארץ הקדושה, מודעה רבה לידע ולהודיע את הארץ מה היא. ארז"ל במדרש שוחר טוב בפסוק (תהלים פה ב) רצית ה' ארצך וכו', הקב"ה הופך ומהפך ומסתכל ונותן עיניו ביה עד שתרצה את מעשיה. **הנה כמה הפוכים וגלגולים ומאורעות עידן ועידנין יחלפו על כל אחד מבאי הארץ, עד כי מתדיר ליה בה** ורצה את אבניה ואת עפרה יחונן, ואוהב חורבות שבא"י מפלטין שבחו"ל, ופת חריבה וכו' כיוצא בהם. ולא לקלים המרוץ, לא יום ולא יומים לא חודש ולא שנה, כי אם ברבות השנים עד יעברו ימי הקליטה, קולטתו בחיים במקלט ישב עולם לפני אלקים, כמו שכתוב (תהלים פז ה) איש ואיש יולד בה, **רצה לומר כל הבא אל הקודש צריך מחדש עיבור ויניקה וקטנות וכו'**, עד פנים בפנים יראה פני הארץ, ונפשו קשורה בנפשה. הנה כי כן, מאן דאתי ואייתי תלמודו בידו במה שהורגל כל אחד ואחד לפי מדותיו, לא מתדר ליה בתחילה **בכאן, ממש דעתו מטורפת עליו, טרוף יטרף, באין פנות אל המנוחה ואל הנחלה, יעלה השמים ירד תהומות, כאניה המטורפת בים**, ומטריד את אחרים בענייניו ובמעשיו והנהגותיו, הי תורה והי מצוה, מה דהוה לא הוה, עד ישים תהלה בארץ, והשי"ת מראה לו פנים, אז ישקוט וינוח לו, והוא דבר שאין לו קצבה אורך הזמן, ואיך וכמה ומתי, לכל אחד לפי עניניו ולפי מעשיו ולפי שורש נשמתו. **אשר על כן, הבא לגשת אל הקודש פנימה, יזמין עצמו לכל האמור, ויבחין בנפשו אשר לו כח לעמוד בכל אלה**, דלא לגזוז

❖

ר' מיכל זלאטשוב'ער האט געהאט א זוהן "ר' וועלוול זבאריז'ער", ער האט געהאט פינעף זין, ער ליגט - דאכט זיך מיר - אין טבריה.

און דער שפיטיווקער רב איז געווען אין טבריה, האט ער געזעהן ווי זי שטייט דארטן ביים ים און וואשט זיך אויס עפעס, האט ער א זאג געגעבן: "אוי, דאס איז דאך די זבאריז'ער רביצן!", האט זי זיך אנגערופן: "**בעסער זיין א וועשערין דא, איידער א רביצן אין חוץ לארץ!**".

(אחד הנוכחים: אין דער וואכענדיגער מדרש שטייט, אברהם אבינו האט געזאגט, "מוטב ללון במדבריות של ארץ ישראל ולא בפלטרין של חוץ לארץ"!),[יח] יא יא.

האט זי געזאגט, "בעסער זיין א וועשערין אין ארץ ישראל, ווי איידער א רביצן אין חוץ לארץ!".

(רמ"ב: ער שרייבט אויך - ר' מתתי', אז מען זאל אים מסדר זיין די לארץ ישראל, און ער איז גרייט צו זיין יענעם אן 'עבד', נאר בתנאי מען זאל אים איבערלאזן איין שעה!)[יט] יא יא, ר' מתתי'! יענער 'עבד', יא, ער איז געווען א עבד ה'!

עס שטייט אויפן 'בעל שם הקדוש' (שאמר): ער וויל קומען קיין ארץ ישראל, זיין א משמש דעם 'אור החיים', זיין א פראסטער איד, און זיין א משמש דעם אור החיים, אבי קומען קיין ארץ ישראל!

---

אודניה מיניה, וישער בעצמו שעל כל פנים רוב מדותיו מתוקנים, והוא ימשול בם, אז ילך לבטח דרכו, בעצת גדולי העצה אשר עמהם, והשומע ישכון בטח ושאנן.

[יז] עי' במכתב הנ"ל ועי' בליקוטי מוהר"ן תו' ק"ה: ...וְהִנֵּה בְּכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה יֵשׁ בּוֹ שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים, 'עִבּוּר' 'יְנִיקָה' 'מֹחִין'. כִּי כָּל זְמַן שֶׁהַדָּבָר בְּכֹחַ נִקְרָא 'עִבּוּר', כִּי הוּא נֶעְלָם. וּכְשֶׁבָּא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, נִקְרָא 'לֵדָה וִינִיקָה'. וּכְשֶׁפָּשַׁט הַדָּבָר לַעֲשׂוֹת הַפְּעֻלָּה הַצְּרִיכָה, אֲזַי נִקְרָא 'מֹחִין'...

[יח] פרשה ל"ט ח': הֲדָא הוּא דִכְתִיב: וָאֹמַר מִי יִתֶּן לִי אֵבֶר כַּיּוֹנָה - אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה, מֻטָּב לָלוּן בַּמִּדְבָּרוֹת שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְלֹא לָלוּן בְּפַלְטֵרִיּוֹת שֶׁל חוּצָה לָאָרֶץ... ועי' ביאור הליקוטים על תו' קנ"ה.

[יט] עי' שארית ישראל - מכתב קי"ח: ... עתה באתי, הנה נוראות נפלאתי על מה שאינו מתבונן עבורי להטיב להשתדל שאבוא עם פליטתי לארץ הקודש מהרה, כי זה היה עולה אצלי על הכל, הנה אני מוכן ממש להיות משרת נאמן כל ימי חיי עבור מי שישתדל עבורי, רק שלא אצא מגדר תוה"ק, אפילו ללמוד שעה אחת ביום והשאר לעסוק במה שהוא, כי הרחמנות גדול על פליטתי הנשארת...

❖

**דו ביסט שוין אין ארץ ישראל'דיגער, א קביעות'דיגער, נאר וואס דען, דו זאלסט אבער זיין מער בשמחה!**

**מען איז מחויב - אזוי ווי אז מען ווערט מקורב צום צדיק איז מען מחויב צו זיין פריילעך,[כ] אז מען זאל זעהן אז ער איז צופרידן פון די 'התקרבות', אזוי ווי מען איז צופרידן וואס מען איז א 'איד', 'שלא עשני גוי', 'אשר בחר בנו מכל העמים', מען פריידט זיך מיט די תורה, אזוי אויך איז מען מחויב פרייען זיך מיט די 'התקרבות צום צדיק'!**

**- און אזוי אויך איז מען מחויב פרייען זיך מיט 'ארץ ישראל', אז מען איז דא אין ארץ ישראל! א שמחה דארף זיין, "איך בין דא אין ארץ ישראל"!**

❖

# ר' שלמה וועקסלער ז"ל

**"ר' שלמה וועקסלער" ער איז געווען א איד א צדיק, זיין פאטער איז געווען א רב אין דייטשלאנד, א הייליגער מענטש געווען זיין טאטע,[כא] האט ער אזוי געזאגט** (ר' שלמה)**: "מיין טאטע איז גרעסער פון מיר - מיט איין זאך בין 'איך' גרעסער פון מיין טאטן, ווייל איך בין אין 'ארץ ישראל', און מיין טאטע איז געווען אין 'דייטשלאנד'!", אזוי פלעגט ער זאגן ר' שלמה!**

**דאס האט ער אויך דערמאנט: 'א ברסלב'ער'** (שהוא זכה להתקרב).

---

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה אות ה': ...הַיְנוּ שֶׁיִּשְׂמַח עַל-יְדֵי שֶׁיִּזְכֹּר שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְזָכָה לְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיקִים הַמְקָרְבִין אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל-יְדֵי הַשִּׂמְחָה זוֹ, הוּא מְשַׁבֵּר הַקְּלִפָּה... ועי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' אות נ"ג: כִּי מוּבָן בְּתוֹךְ דִּבְרֵי אדומו"ר ז"ל שֶׁצְּרִיכִין לְשַׂמֵּחַ נַפְשׁוֹ בְּכָל מִינֵי עֵצוֹת, וְהָעִקָּר עַל יְדֵי שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וְעַל יְדֵי שֶׁנִּתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים הַחוֹלְקִים עֲלֵיהֶם בְּחִנָּם, וְכֵן עַל יְדֵי שֶׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת ... וְצָרִיךְ לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ מְאֹד בָּזֶה שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק שֶׁמַּכְנִיס בּוֹ הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה 'מֵישְׁרָא' (סִימָן ל חֵלֶק א) שֶׁעִקַּר הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת הוּא עַל יְדֵי שֶׁמִּתְקָרֵב לְרַבִּי אֲמִתִּי שֶׁהוּא צַדִּיק גָּדוֹל בְּמַעֲלָה מֻפְלֶגֶת מְאֹד וְכוּ' עַיֵּן שָׁם...

[כא] הג"ר פנחס משה אלחנן וועקסלער זצ"ל אב"ד הוכברג, גרמניה.

(אחד הנוכחים: ס'איז געווען דער לקוטי מוהר"ן אויפן טיש ביי זיין טאטן!) **יא יא, דעם רבי'נס ספרים איז געלעגן ביי אים אויפן טיש - ביי זיין טאטן!**

זיין טאטע איז געווען א הויכער סארט מענטש, נאר ער איז געווען אין חוץ לארץ, אבער ער האט געהאט אזא זון ווי ר' שלמה, אה!

❖

# "דער פרומער בחור"

ער איז געווען א קדוש - דער ר' שלמה, ער איז געווען א קדוש, א הייליגער מענטש!

דאס ערשטע מאל וואס איך האב אים געזעהן בין איך נתפעל געווארן פון זיין צורה, דעמאלט איז ער נאך געווען ביי וואלאך'ן אין שפיטאל (ביה"ח שערי צדק), וואלאך איז געווען א דייטשער, האט ער אים אפגעגעבן א באזונדערן צימער דארטן אינעם שפיטאל, וואלאך האט דאס קיינעם נישט געטוהן, פאר ר' שלמה'ן האט ער אוועקגעגעבן א צימער, מיטן בעסטן, אלעס!

בין איך געווען אין שפיטאל ביי אים, האב איך געזעהן א צורה, א מלאך אלקים, א צורה האט ער געהאט, ער איז געווען א קדוש!

(השואל: ער האט מאריך ימים געווען - ר' שלמה?) ער איז אלט געווען זעקס און אכציג יאר.

איך בין אסאך מאל אריין צו אים אין שטוב, נאכדעם האט ער געוואוינט ביי דעם אייניקל משה חיים'ן (בראנדוויין ז"ל, נכדו), אין 'בית ישראל', איך האב אויך געוואוינט אין 'בית ישראל', נישט ווייט פון אים, פלעג איך אפט אריינגיין צו אים.

ווען איך בין אריינגעגאנגען צו אים האט ער געמוזט אויפהויבן זיך, גיין א 'ריקוד' און זאגן א 'ניגון', עפעס אזא מין שמחה!

ער איז א גרויסער למדן געווען - ר' שלמה, אין נגלה, אלע גמרות איז געווען פארשריבן מיט חידושים, אפילו דארטן זבחים מנחות, קדשים, פארשריבן חידושים - מפרשים, ער האט אסאך געלערנט, און ער איז געווען - ער איז געווען "ר' שלמה"!

דער אלטער בריסקער רב - רבי יהושע לייב (דיסקין זצ"ל) - ער האט שטארק געהאלטן פון אים, אה אה! ער האט אים גערופן: "**דער פרומער בחור**", ער האט שטארק געהאלטן פון אים, ער איז געווען אן אויסנאם!

❖

# "לא איסתכל בצורתא דזוזא"...

אויף רבי שלמה'ן קען מען זאגן אז ער האט נישט געקענט קיין 'צורת מטבע'! אז ער פלעגט פארן דארטן צו די 'קדושים', 'מוטער רחל' צו 'חברון', און נאך ערטער, האט זי אים געמאכט בינטעלעך (געלט), (ואמרה לו:) "דאס בינטעלע זאלסטו געבן אז דו וועסט פארן צו 'מוטער רחל' (על הוצאות הנסיעה), דאס בינטעלע זאלסטו געבן ווען דו וועסט פארן צו 'חברון'!".

ער האט נישט געוואוסט, האט ער 'איבערגעביטן', ער האט געגעבן דאס גרעסערע בינטל קיין 'מוטער רחל', און נאכדעם האט ער נישט געהאט וואס צו באצאלן... ער האט נישט געוואוסט קיין חילוק פון א 'גרעסער בינטל' ביז א 'קלענער בינטל'.

די גמרא זאגט דאך אזוי, א 'בנן של קדושים', פארוואס? ווייל ער האט נישט געקענט קיין 'צורת מטבע',[כב] די 'צורת מטבע' איז אמאל געווען עבודה זרה'ס.

❖

ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש! אז איך פלעג ארייגגיין צו אים, האב איך געטראכט "איך גיי אריין אנקוקן א צדיק!".

און ער איז געווען א געוואלדיגער כרוך נאך "ר' אברהם ר' נחמן'ס" - דער ר' שלמה! ער פלעגט מיט מיר אסאך רעדן פון "ר' אברהם ר' נחמן'ס", (השואל: פון וואו האט ער אים געקענט - דא אין ארץ ישראל?) אוודאי, דא אין ארץ ישראל!

"ר' אברהם ר' נחמן'ס" אז ער האט געהאט אזא מענטש ווי ר' שלמה האט ער גערעדט! ער האט געהאט מיט וועמען צו רעדן!

[כב] עי' גמ' פסחים דף ק"ד ע"א.

(השואל: ר' שלמה האט דא געדאוונט אין שטיבל?) ער איז שוין געווען נישט געזונט, און ער האט שוין נישט געקענט גיין, פריער האט ער אודאי געדאוונט מיט אונז, אין מיינע צייטן האט ער שוין נישט געדאוונט (עם אנ"ש).

(אחד הנוכחים: ער שרייבט אסאך זאכן, "שמעתי מר' אברהם - שאמר בשלש סעודות", ס'איז דא היינט וואס ר' שמואל הורוויץ האט געדרוקט, וואס ר' שלמה פלעגט איבערשרייבן וואס ער פלעגט הערן פון "ר' אברהם ר' נחמן'ס", אין 'חכמה ותבונה' איז דא אסאך, אין 'ביאור הלקוטים').

❖ ❖ ❖

# די 'מצוה' וועט מגין זיין...

(פונה שוב לאברך הנ"ל) די אלע זאכן איז דאך אלץ 'הקדמות' צו קומען צום 'מכוון', דער עיקר דו זאלסט קומען צום 'מכוון'!

- דערווייל אז מען לאזט דיך לערנען דארט ביי 'שלש סעודות' - איז עס 'בהשגחה', צו קענען אריינגעבן די 'בשמים' פונעם רבי'ן!

אז דו קענסט נישט געבן אזוי ווי ס'איז, איז מען עס מבשם מיט אביסל 'בשמים', אז מען קאכט א געקעכטס - טוהט מען אריין אביסל בשמים, געבן 'בשמים אליין'?! 'בשמים אליין' איז נישט קיין מאכל! אין א געקעכטס אז מען טוהט אריין אביסל בשמים, דער גאנצער געקעכטס הויבט אן שמעקן! - דאס איז דעם רבי'נס זאך.

❖

מיר האבן געהאט איינעם "ר' הערש וויסלייב", ער ליגט דארטן אויפן הר הזיתים, ער האט געדרוקט צוזאמען מיטן 'קארדונער' (ר' ישראל קארדונער ז"ל) דעם ערשטן 'ספורי מעשיות' פון לעמבערג, ר' צבי וויסליב מיטן 'קארדונער'.

ער האט מקרב געווען צו אונז - זיי זאגן - 'ממש הונדערטער מענטשן' האט ער מקרב געווען צו אונז! ער איז געווען א געוואלדיגער -

ער איז געווען א מחותן מיט "ר' נחמן טולטשינער", זיין זון איז געווען אן איידעם ביי ר' נחמן'ען, 'יחיאל' - רחל'ס מאן, ער איז געווען דעם ר' הערש'ס זון, (השואל: אבא'ס טאטע?) אבא'ס טאטע. (השואל: און ווי האט 'אבא' געהייסן? 'לישינסקי'?!) דארטן פלעגט מען בייטן די נעמען - וועגן דעם 'גיוס' האט מען געביטן די נעמען.

איז דער ר' הערש ווייסליב פלעגט זייער אסאך רעדן פונעם רבי'ן, אין גאליציע איז ער געווען, ער האט דארטן געלערנט מיט קינדער, קיינער האט נישט געוואוסט אז ער איז א "ברסלב'ער חסיד"!

דער בעל הבית האט געזעהן אז ער איז א געהויבענער מענטש, ער שטייט אויף אלע נאכט (חצות), דער בעל הבית האט אויף אים באמערקט אז דאס איז א געהויבענער מענטש, האט ער אים געגעבן א באזונדערן חדר.

איז ביי דעם בעל הבית שלאַף געווארן א קינד, אלע דאקטוירים האבן שוין דאס קינד מייאש געווען, איז ער אריינגעגאנגען צו דעם דאזיגן אידן דערציילן - צו ר' הערשל דער מלמד, ער האט אנגעהויבן צו וויינען "דאס קינד איז אזוי שלאף, די דאקטוירים האבן שוין מייאש געווען!".

דער בעל הבית פלעגט נישט גיין דאווענען 'תפילה בציבור', ער פלעגט דאווענען אין שטוב, רופט ער זיך אן אזוי: "**הער זיך איין - זאגט ער - 'זאג צו' דעם אויבערשטן אז דו וועסט דאווענען 'תפילה בציבור', איז דאך עס א מצוה, וועט די מצוה מגין זיין!**".

ער האט דאך נישט געוואלט נעמען אויף זיך, ער האט געהיט זיך פון פרסום, מען וועט זאגן "ער האט געטוהן עפעס א מופת", דאס איז באלד א גאנצער געשעפט דארטן אין גאליציע, "זאג צו דעם אויבערשטן אז דו וועסט אנהויבן דאווענען תפילה בציבור, איז דאך עס א מצוה, וועט די מצוה מגין זיין - דאס קינד זאל האבן א רפואה!".

וכך הוה, ער האט גלייך צוגעזאגט, און דאס קינד האט געהאט א רפואה!

אבער ער האט זיך זייער געהיט זיך אז ער זאל נישט מאכן קיין פרסום דערפון, ער האט דאס מלביש געווען מיט א מצוה.

ס'איז אווארט דא פון רבי נפתלי'ן (תלמיד רביז"ל), ס'איז געווען דארטן א 'בלאטע', מען האט נישט געקענט גיין, האט רבי נפתלי געהייסן זאגן 'שמות הצדיקים', איז

געווארן טרוקן! - דער רבי זאגט דאך אז דורך 'שמות הצדיקים' איז מען 'ממתיק דינים'![כג]

האט ר' נפתלי געזאגט: "**אבער איך דארף עס הייסן!**" (כי ר' נפתלי הלביש את המופת בסגולת אמירת שמות הצדיקים).[כד]

דער "ר' הערש לייב ווייסליב", ער האט געזאגט צו דעם בעל הבית ער זאל (שיקפיד על תפלה בציבור כנ"ל), אבער ער האט געדארפט הייסן, איז אזוי געווארן!

❖

# 'מעין' דאזלי תחות ארעא

איז ער געווען דארטן א צייט, און קיינער האט נישט געוואוסט פון אים, קיינער האט נישט געוואוסט אז ער איז א "ברסלב'ער חסיד"! א גרויסן נאמען האט ער באקומען דארטן, וואס ער האט גערעדט האט יעדער איינער געהערט, און ער האט גערעדט נאר פונעם רבי'ן, אבער קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנעט די 'שפע' גייט!

דער רבי ברענגט דאך אין די תורה,[כה] אז ס'איז דא א 'קוואל' וואס ס'גייט פון 'אונטן', און דארטן 'ווייטער' גייט ער ארויס!

- א 'קוואל' קען זיך אוועקציען אסאך קילאמעטערס, א קוואל אונטער דער ערד, און דא וואו ער איז גייט ער גארנישט ארויס, און 'ווייטער' גייט ער ארויס, און ס'איז אלץ פון 'דעם' קוואל, וואס דער קוואל איז נאך (ממשיך דא) -

❖

---

[כג] ספר המדות - ערך צדיק, אות כ'.

[כד] עי' הסיפור המלא בשיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב אות תת"ב.

[כה] ליקוטי מוהר"ן תו' קל"ב: יֵשׁ צַדִּיק שֶׁהוּא מְפֻרְסָם גָּדוֹל בִּמְדִינָה אַחַת, וּבַמְּדִינָה הַסְּמוּכָה אֵינוֹ חָשׁוּב כְּלָל, וְשׁוּב בִּמְדִינָה אַחֶרֶת הוּא מְפֻרְסָם. הוּא עִנְיַן הַכָּתוּב בַּזֹּהַר (תֵּצֵא ר"פ): **מַעְיָן דְּנָפֵק מֵאֲתַר חַד, וְאָזְלִי מִתְּחוֹת לְאַרְעָא עַד שֶׁנּוֹבֵעַ וְיוֹצֵא בְּרִחוּק בְּמָקוֹם אַחֵר, וְאַף בַּמָּקוֹם שֶׁהוֹלֵךְ תְּחוֹת אַרְעָא, הוּא מַשְׁקֶה שָׁרְשֵׁי אִילָנָא.**

אין די מעשה פון 'בעל תפילה',[כו] ס'גייט אזעלכע 'צינורות', די מאכלים קאכן זיך אפ, די מאכלים ווערן געקאכט פון דעם פייער וואס גייט ארויס, און דארטן זעהט זיך נישט אן קיין שום פייער!

דאס הייסט 'קעך', דארט קאכן זיך די מאכלים, איי - ס'איז דא א קעך, און דארטן קאכט זיך!

"ועשה לי מטעמים כאשר אהבתי" - זאגט דער זוהר "בפקודין דעשה",[כז] די 'מצוות התורה' דאס איז 'מאכלים', "מאך מיר די מטעמים ווי אזוי איך האב ליב - בפקודין דעשה", די 'מצוות עשה' איז די 'מטעמים'!

איז דארף מען דאך אפקאכן זיי, נישט עסן קיין רויע מאכלים, איז דא א 'קעך' וואס דארטן קאכט זיך אפ די מאכלים, ס'ווערט גוטע מאכלים, און מען זעהט גארנישט!

אזוי איז דאס, ס'קען זיין א מציאות, קיין פייער זעהט מען גארנישט, און די מאכלים קאכן זיך!

❖

# כל הארצות מתמצית ארץ ישראל הם שותים

(פונה שוב לאברך המקורב הנ"ל כדי לחזקו בענין עלייתו לארה"ק), די שפע פון די גאנצע וועלט גייט פון 'ארץ ישראל', "כל העולם ניזון מתמצית של ארץ ישראל, וארץ ישראל (שותה תחילה)".[כח]

נו, אז מען קומט דא, וועט דער אויבערשטער אוודאי העלפן, דו וועסט אוודאי האבן וואס צו עסן!

אז די גאנצע וועלט ווערט ניזון פון 'ארץ ישראל', אמעריקע ווערט אויך ניזון פון ארץ ישראל! אזוי קוקט דאך אויס אז די גאנצע השפעה איז היינט אין אמעריקע,

[כו] עי' ספר סיפורי מעשיות - מעשה י"ב.

[כז] עי' תיקוני הזוהר תיקון כ'-כ"א דף נ"א ע"א.

[כח] עי' גמ' תענית דף י' ע"א.

דאס איז אזא מין 'מציאות' - אמעריקע ווערט ניזון פון ארץ ישראל, און זיי שיקן געלט 'צוריק' אהערצו, אבער די געלט גייט פון דאנעט אהינצו!

❖ ❖ ❖

# 'ללחלח הנגיבה'

אה, דער רבי ברענגט אין תורה ס"ב - לערנט מען היינטיגן שבת, קודם איז דא: "ויהי רעב בארץ, וירד אברם מצרימה - הלוך ונסוע הנגבה",[כט] דער רבי ברענגט דארטן אז ס'איז פאראן די 'ראשי התאוות' - די 'תאוות אכילה ושתיה', אלע תאוות טוהען נאך אים.

די 'תאוות אכילה ושתיה' דאס איז 'דריי שרים': 'שר המשקים', 'שר האופים', און 'שר הטבחים'. 'משקים' איז דאך 'שתיה', און 'אופים וטבחים' איז דאך 'אכילה', און אז די 'דריי שרים' זענען יונק פון די שפע איז עס נישט קיין 'מאכל ישראל'.

דער רבי הויבט דארט אן, "דע שעל ידי אכילתם של ישראל", אז די קליפה איז יונק פון די שפע איז עס נישט קיין 'אכילתם של ישראל', איז עס אכילתם פון די 'דריי שרים'!

דער רבי רעדט דארטן פון 'שלימות הדיבור',[ל] אז דורך 'תענית' נעמט מען ארויס דער דיבור פון זיי, זאגט דער רבי 'ויהי רעב בארץ' מיינט מען 'תענית', 'שמרעיב' - ער הונגערט זיך אוים.

---

[כט] עי' שם אות ה': ... וְרָאשֵׁי הַתַּאֲווֹת הֵם שְׁלשָׁה שָׂרֵי פַּרְעֹה, 'שַׂר הַמַּשְׁקִים' וְ'אוֹפִים' וְ'טַבָּחִים' ... שֶׁהֵם בְּחִינַת תַּאֲווֹת אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, שֶׁהֵם רָאשִׁים, שֶׁכָּל הַתַּאֲווֹת נִמְשָׁכִים אַחֲרֵיהֶם...

[ל] שם: ... וּמֵחֲמַת שֶׁאֵלּוּ הַשָּׂרִים הַנַּ"ל, הֵם סְמוּכִים לְהַדִּבּוּר, וּכְשֶׁמִּתְגַּבְּרִים, אֲזַי מַמְשִׁיכִין אֶת הַדִּבּוּר לְגָלוּת מִצְרַיִם, בְּחִינַת מֵצַר הַגָּרוֹן, בְּחִינַת (תְּהִלִּים ס"ט): "נִחַר גְּרוֹנִי", וְאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל יְדֵי הַתַּעֲנִית שֶׁמַּרְעִיב אֶת עַצְמוֹ, הוּא מַמְשִׁיךְ מֵימֵי הַחֲסָדִים לְלַחְלֵחַ הַגָּרוֹן, וְאָז יוּכַל לְדַבֵּר. וְזֶה בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית י"ב): "וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ". 'רָעָב', הַיְנוּ בְּחִינַת תַּעֲנִית, שֶׁמַּרְעִיב אֶת עַצְמוֹ ... "וַיֵּרֶד אַבְרָהָם מִצְרַיְמָה", הַיְנוּ הוֹרָדוֹת מֵימֵי הַחֲסָדִים לְלַחְלֵחַ מֵצַר הַגָּרוֹן, לְהוֹצִיא אֶת הַגָּרוֹן מִבְּחִינַת "נִחַר גְּרוֹנִי". בִּבְחִינַת (שָׁם): "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה", לְלַחְלֵחַ הַנְּגִיבָה...

זאגט דער רבי דארטן 'הלוך ונסוע הנגבה', 'אברהם אבינו' איז 'מימי החסד', זאגט דער רבי, 'ללחלח הנגיבה', אברהם איז געגאנגען מאכן נאס דארטן וואו ס'איז טרוקן, ער האט מקרב געווען מענטשן צום אויבערשטן! דאס האט ער גערעדט מיט זיי!

מאכן פייכט דאס פארטרוקנקייט - דאס איז געווען אברהם אבינו'ס ארבעט.

'הלוך ונסוע - הנגבה', אברהם איז דאך 'מימי החסד', 'הנגבה' איז דאך פארטריקנט, איז ער געגאנגען 'ללחלח הנגיבה'!

דאס איז דעם רבי'נס זאך, מען זאל מאכן פייכט דאס פארטריקנקייט!

מען איז 'פארטריקנט', 'ניחר גרונו', וואס איז 'ניחר גרונו'? די האלז איז פארטריקנט, מען קען גארנישט רעדן, איז די 'מימי החסד' גייט 'הנגבה' - 'ללחלח הנגיבה', דארטן וואו ס'איז טרוקן - דארט זאל ער מאכן פייכט!

דעם רבי'נס זאך, דעם רבי'נס עצות, דעם רבי'נס דיבורים, דאס איז 'ללחלח הנגיבה', מאכן פייכט דארטן וואו ס'איז פארטריקנט.

❖ ❖ ❖

# קול המוכיח הראוי

(רמ"ב: ווי קומט אויס די זאך פון רבי'ן - אז דער רבי זאגט אין תורה ח' אין דעם אנדערן חלק, אז "מען קען נישט זאגן קיין תוכחה" – אין שלחן ערוך שטייט דאך מען זאל זאגן!? דער רמ"א ברענגט אראפ, 'ברבים' - אפילו ער איז זיכער אז זיי וועלן נישט פאלגן דארף מען זאגן כאטש איינמאל, 'ביחיד' - ביז ער וועט אים מכה זיין!?)[לא]

דער רבי זאגט דען אז מען זאל נישט זאגן?! דער רבי זאגט אז "מען דארף זיין זייער געווארנט אין די תוכחה!".[לב]

---

[לא] עי' שו"ע או"ח סי' תר"ח ס"ב.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ח' אות א': אַף־עַל־פִּי שֶׁתּוֹכָחָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל, וּמֻטָּל עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְהוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ, כְּשֶׁרוֹאֶה בּוֹ שֶׁאֵינוֹ מִתְנַהֵג כַּשּׁוּרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (וַיִּקְרָא י"ט): "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", אַף־עַל־פִּי־כֵן לָאו כָּל אָדָם רָאוּי לְהוֹכִיחַ. כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבִּי עֲקִיבָא (עֲרָכִין טז:): 'תְּמֵהַּ אֲנִי, אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה מִי שֶׁיָּכוֹל לְהוֹכִיחַ'. וְאִם רַבִּי עֲקִיבָא אָמַר זֹאת בְּדוֹרוֹ, כָּל־שֶׁכֵּן בַּדּוֹר הַזֶּה שֶׁל עַכְשָׁו. כִּי כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ, אֲזַי לֹא דַּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ, אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ ... וְעַל־יְדֵי־זֶה הוּא מַחֲלִישׁ אֶת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלָּהֶם... (ועי' בליקוטי עצות - ערך תוכחה אות כ' השייך לתו' זו).

**דער רבי זאגט אז מען זאל 'נישט זאגן'?! נאר מען זאל זאגן אזא מין תוכחה אז ס'זאל זיין 'בקולו של משה'! וואס מיט זיין זאגן האט ער אריינגעבראכט א 'יראה', 'נרדי נתן ריחו', ער האט זיי צוגעגעבן א 'ריח טוב'![לג]**

**דער רבי זאגט נישט אז 'מען זאל נישט זאגן', ער זאגט נאר ווי אזוי די תוכחה זאל גיין! אויב למשל איך קען נישט זיין דער מוכיח (כראוי), רעד מיט יענעם אזוי ווי מען רעדט 'צוויי חברים', נישט קיין 'תוכחה'!**

**ווארום די צדיקים פלעגן טאקע - ס'איז געווען דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא, זיי זענען ביידע ארומגעפארן, זיי האבן געליטן עטליכע יאר גלות, אז זיי זענען געקומען אין א ארט אריין אז זיי האבן געזעהן איינער דארט עפעס א בעל עבירה, האט ר' אלימלך שוין געזאגט: "דו זושא אזוי טוהט מען ביינאכט?! אזוי פירט מען זיך ביינאכט?!", וואס יענער האט געטוהן האט רבי אלימלך געזאגט צו ר' זושא'ן! און נאכדעם האט ר' זושא געזאגט: "מיילך, אזוי פירט מען זיך?!".**

**האט יענער געזאגט: "איך האב דאך דאס געטוהן, וואס ער האט געזאגט אויף אים - און ער האט געזאגט אויף אים!", דערפון איז ער נתעורר געווארן צו תשובה! אזוי פלעגן זיי זיך פירן ביידע, אה.[לד]**

**און דאס הייסט אז מען זאגט נישט יענעם, ווייל אז איך וועל יענעם זאגן וועל איך יענעם 'מבאיש ריח' זיין, יענער וועט נאך מער (אראפפאלן).**

[לג] ע' ליקוטי מוהר"ן שם: ... **אֲבָל כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ רָאוּי לְהוֹכִיחַ, אֲזַי אַדְּרַבָּא, הוּא מוֹסִיף וְנוֹתֵן רֵיחַ טוֹב בְּהַנְּשָׁמוֹת עַל־יְדֵי תּוֹכַחְתּוֹ**. כִּי הַתּוֹכָחָה צְרִיכָה לִהְיוֹת בִּבְחִינַת הַתּוֹכָחָה שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁהוֹכִיחַ אֶת יִשְׂרָאֵל עַל מַעֲשֵׂה הָעֵגֶל, שֶׁעַל־יְדֵי תּוֹכַחְתּוֹ נָתַן בָּהֶם רֵיחַ טוֹב, בִּבְחִינַת: "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", הַנֶּאֱמָר עַל מַעֲשֵׂה הָעֵגֶל. עָזַב לֹא נֶאֱמַר, אֶלָּא נָתַן, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל בַּגְּמָרָא (שַׁבָּת פח:). כִּי עַל־יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁל מֹשֶׁה עַל מַעֲשֵׂה הָעֵגֶל הוֹסִיף וְנָתַן בָּהֶם רֵיחַ טוֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מְזוֹנָא דְּנִשְׁמָתָא...

[לד] ע' נועם אלימלך - ליקוטי שושנה, ד"ה שחורה אני ונאוה: ... אבל הצדיק המוצא עצמו באיזה חטא, **והוא מתחרט ומוכיח עצמו על קיצור בעבודתו יתברך שמו, אז גם כן מעורר לב אחרים בתשובה**, ואחר כך בעלותו בקדושה הוא מעלה גם כן כל ישראל עמו, וזהו רבי עקיבא כשהיה מתפלל בציבור היה מקצר ועולה, רוצה לומר כשרצה להתפלל עם הצבור דהיינו שיעלה גם הציבור עמו, היה מקצר, פירוש היה יורד ממדרגתו ומוכיח עצמו שמקצר בעבודתו יתברך שמו, ועולה, פירוש ואחר כך היה עולה להקדושה העליונה...

אבער ער האט גערעדט גראד צו ר' זושא, "זושא זושא, אזוי דארף מען זיך פירן?! אזוי דארף מען טוהן?!", און ער האט געזאגט צו ר' אלימלך'ן: "מיילך, אזוי דארף מען טוהן?! אזוי דארף מען זיך פירן?!". און יענער האט געזאגט, "דיביידע זענען דאך עפעס 'נביאים' ביידע, וואס איך האב געטוהן רעדן זיי ביידע, זיי ביידע ווייסן וואס איך האב געטוהן! ער זאגט דעם, און ער זאגט דעם!".

דאס איז א תוכחה - א 'אנדערע תוכחה', מיט א אנדערע אהבה!

(השואל: דער רבי זאגט "תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח"!?),[לה] יא, 'מי שיכול להוכיח' - מיינט דער רבי אויך דאס אייגענע, זאגן א 'פראסטע תוכחה' איז נישטא קיינער אין דער וועלט, נאר ס'מוז גיין מיט דעם וועג, מיט דעם וועג פון 'אהבה'.

❖

# אל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו

(רמ"ב: אבער איינער טוהט א עבירה שטייט אז מען זאל אים זאגן! עס שטייט אויף א עבירה וואס מען קען מאכן א חילול השם, זאל מען אים באווארענען!?),[לו] פארוואס שטייט אין די משנה[לז] "אל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו" - בשעת יענער זינדיגט זאלסטו נישט ווען יענעם אנקוקן, פארוואס נישט?! זאל ער ווערן פארשעמט! א בעל עבירה קען זיין גאר אז דער 'בית דין' וועט אים געבן גאר מיתת בית דין, איז פארוואס זאל איך אים נישט אנקוקן 'בשעת קלקלתו'?!

נאר בשעת יענער זינדיגט, אז איך קען מאכן ער זאל נישט זינדיגן - איידער ער זינדיגט, איז דעמאלט איז דאך אלע עצות וואס מען קען דארף מען טוהן! אבער יענער (איז שוין דורכגעפאלן) וויל אים נישט אנקוקן דעמאלט! ער קען דעמאלט האבן אזא מין 'חלישות הדעת' אז ער זאל קיינמאל קיין תשובה נישט קענען טוהן!

ער קען זיך אמאל נעמען דאס לעבן אויך, ס'איז א מעשה דא - וואס איינער האט דעם אנדערן געפאקט ביי א חטא, און יענער איז אויסגעגאנגען, איך וויים א מעשה!

---

[לה] עיי"ש, והוא עפ"י מאמר ר' עקיבא, ערכין דף ט"ז ע"ב.

[לו] עי' שו"ע או"ח סי' תר"ח, מג"א סק"ג בשם סמ"ק.

[לז] אבות פ"ד ח'.

א משנה אין אבות, "אל תשתדל - דו זאלסט אים נישט ווען אנקוקן - בשעת קלקלתו!".

וואס איז די כוונה? דער אויבערשטער וויל דאך נישט אז יענער זאל גיין פון דער וועלט, וועט ער דאך אוועקגיין אָן תשובה!

אז ס'איז געווען א 'בית דין', און ס'איז אויך געווען מיט א התראה מיט אלע דינים - - אבער אז קיין 'בית דין' איז נישטא, וויל דאך דער אויבערשטער אז יענער זאל טוהן תשובה! אז דו גיבסט יענעם א קלאפ, דו הרג'סט אים, ביסטו דאך דער גורם אז ער זאל אוועקגיין פון דער וועלט אָן תשובה, דו ביסט דאך שולדיג!

משה רבינו זאל ווען די אידן געבן א זאג נאכן 'עגל' - אזוי ווי ער וואלט זיי באדארפט זאגן, וואלטן זיי קיינמאל קיין תשובה נישט געטוהן, וואלטן אלע אוועקגעגאנגען אן תשובה! האט משה רבינו - 'נתן ריחו' געווען, צוגעגעבן א 'ריח טוב', אזוי באופן זיי זאלן טוהן תשובה!

דער רבי זאגט דארט "הרם כשופר קולך", אזוי ווי א שופר, פ'שוט כ'פול ש'לוש ר'בוע (ראשי תיבות כשפ"ר), א 'ניגון של חסד'![לח]

❖

# כשם שמצוה לומר דבר הנשמע...

(רמ"ב שואל: אסאך מאל איז דא, ער רעדט אינמיטן קדיש אדער וואס, ס'איז נישטא קיין צייט בכלל צו רעדן מיט אים אויפ'ן גוטן אופן?) הער זיך איין, ביי קדיש איז אויך דאס אייגענע, ס'איז דא געווען איינער, ער איז דא געווען א שטיקל צייט, האט ער פונקט אנגעטראפן ביי יענע חברה (שהיו מדברים בסעודה שלישית), האט מען זיך געשלאגן און גע'הרג'ט אינמיטן שלש סעודות... די חברה זענען געווען שטארקער ווי אים, א 'חילול השם' געווען דעמאלט אין שול.

[לח] עי' ליקוטי מוהר"ן שם: ... וְזֶהוּ 'כַּשּׁוֹפָר' - רָאשֵׁי־תֵבוֹת: פָּשׁוּט, כָּפוּל, שָׁלוּשׁ, רָבוּעַ - שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשִּׁיר שֶׁלֶּעָתִיד, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַקּוֹל הַמַּשְׁקֶה אֶת הַגָּן, שֶׁעַל־יְדֵי זֶה הַקּוֹל דַּיְקָא הוּא יָכוֹל לְהוֹכִיחַ. וְזֶהוּ: "הָרֵם כַּשּׁוֹפָר קוֹלֶךָ" - כַּשּׁוֹפָר דַּיְקָא, כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת: 'מוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד', הַנֶּאֱמָר בַּמּוֹכִיחַ הָרָאוּי, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (תָּמִיד כח): 'הַמּוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם, מוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד' ...

איך האב אים געזאגט: וואס האסטו געטוהן? דאס איז די כוונה פון זאגן?! אזוי דארף מען יענעם זאגן?! איך זעה אז זיי רעדן, גיי איך צו לעבן זיי מיט א שמייכל, הערן זיי אויף צו רעדן!

ער איז צוגעגאנגען מיט הענט, 'הענט' האבן זיי בעסערע הענט פון אים... וואס איז געווארן דערפון? נאכדעם האט ער שוין מורא געהאט פאר זיי, געציטערט פאר זיי אזוי ווי פייער...

"זעהסטו, איך גיי צו צו זיי איצטער אויך, און דו האסט שוין מורא צוצוגיין צו זיי!, שלאגן? דאס איז נישט אונזער זאך!".

❖

'תוכחה', אז איך זעה יענער רעדט ביים דאווענען, קען איך אים מיט א שמייכל אזוי, אדער פריער - איך ווייז אים א זוהר, איך ווייז אים א מדרש. (השואל: בשעת ער רעדט, קען מען נישט!?) קען איך אויך מיט גוטנס אסאך מאל!

אז יענער קומט מיט א שמייכל, איז מען יענעם 'מקרב', דאס איז אונזער וועג!

דאס איז דער וועג פון די גמרא אויבעט, א גמרא אין ערכין,[לט] "תמה אני אם יש בדור" (וכו' כנ"ל). ווייזט אוים פון די גמרא אז נישט 'תוכחה' - פראסט - אזוי ווי מען מיינט 'תוכחה', נאר מען דארף וויסן ווי אזוי צו זאגן!

די גמרא זאגט דארטן, אז 'רב הונא' איז געווען ביי 'שמואל', און 'רב חייא' - רב'ס זון - איז אויך געווען ביי שמואל, האט רב חייא געזאגט צו שמואל אז "רב הונא שלאגט מיר!", רב חייא האט געקלאגט רב הונא צו שמואל. אז רב חייא איז ארויסגעגאנגען האט רב הונא געזאגט צו שמואל'ן: "ווייל ער טוהט אזוי און אזוי!", (שאל שמואל:) "פארוואס האסטו אים נישט געזאגט אין די אויגן?", (ענה רב הונא:) "חס ושלום פארשעמען זרעיה דרב?!".

הערט איר וואס דא טוהט זיך?! 'ער' האט אים געשלאגן! און ער זאל זאגן פאר שמואל'ן פאר אים אין די אויגן - איז 'חס ושלום'! פארשעמען זרעיה דרב?!

ס'איז געווען געוואויגן און געמאסטן ווי אזוי ס'גייט א תוכחה!

---

[לט] דף ט"ז ע"ב.

בשעת ער האט אים געשלאגן האט מסתמא קיינער נישט געזעהן, און דא וויל ער נישט זאגן שמואל'ן (בפניו של רב חייא) **כדי נישט צו פארשעמען 'זרעיה דרב'!**

פון די גמרא - א געוואלדיגע לימוד ווי אזוי ס'איז געוואויגן און געמאסטן, 'פארשעמען' זרעיה דרב - **דארף איך וויסן 'טאר איך נישט', אבער 'לערנען' אים דארף איך יא לערנען!**

פון די גמרא איז אלץ געדרינגען אז א גאנצער לימוד ליגט דערינען, א לימוד עמוק ליגט אין דער זאך - אין תוכחה, איך דארף מקיים זיין די ציווי פון די תורה, **און מען דארף וויסן ווי אזוי!**

אז מ'דרייעט זיך ביי דעם חדר פונעם אמת'ן צדיק, רעדט מען דערפון, און מען שמועסט דערפון, גייט ארוים א בירור ווי אזוי מען זאל זאגן!